בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל**<br>chizikyomi@gmail.com | **טעלעפאון מעסידזשינג**<br>347-630-2876 |

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ מִיט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה? ..................א

דַארְף אִיךְ זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט מַיין וַוייבּ, אוּן אָפְּלָאזְן בְּרֶסְלֶב? .......ג

וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה? ..................ד

בֶּעסֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פֶעלְד, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ אִינְדֶערְהֵיים? ..........................................................................ו

אִיךְ צִיטֶער פוּן דִי אוֹיסְגַאנְג פוּן דִי וַואלְן אִין אַמֶערִיקֶע ..............ח

וִוי אַזוֹי קֶען הַאלְטְן מַיין שְׁטוּבּ, אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶט'ן? ..................יא

וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ קֶענֶען לֶעבְן גֶעהֶערִיג מִיט מַיין וַוייבּ? .........יג

אִיז דָא אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? .יד

פַארְוָואס אִיז גֶעוֶוען הִתְנַגְּדוּת קֶעגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים? ....יז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מַאכְט נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע טְרַאסְק פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן ......................א

זֶע דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן שִׁיעוּר ..................ב

מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְהֶעצְן אַ קִינְד קֶעגְן אַ טַאטֶע.......................ב

דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ ......................ג

אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ וִוי אִין גַן עֵדֶן.ה

טַעֲנָה'ט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה בְּעִנְיַן בְּרֶסְלֶב ..ו

אִיבֶּערְ'חַזֶּר'ן דִי בְּרִיוו וָואס מֶען בַּאקוּמְט ............................ ז

אַ מְלַמֵּד זָאל נִישְׁט הֶערְן דִי נַייעֶס, עֶר דַארְף הָאבְּן רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען ........................................................................ ח

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן .. ח

מַאךְ דַיין סֵדֶר הַיּוֹם צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי ........ ט

דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, קֶענְסְטוּ יֶעצְט לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה ... ט

אָנְגְרֵייטְן עֶסְן פַאר דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה............................... י

קֵיינֶער קֶען דִיר גָארְנִישְׁט גֶעבְּן, קֵיינֶער קֶען דִיר גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען ...................................................................... יא

זִיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען מְ'שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן חֵשֶׁק...... יא

אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט, שְׁפִּירְט דֶעם גַּן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט ........................................................................ יב

עֶס אִיז דָא גֶענוּג צַייט צוּ לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט .............. יב

דִי פְרוּמֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן דִי פְרוּמֶע רִשְׁעוּת ............................. יג

נִישְׁטָא קַיין הֶעכֶערֶע, נֶענְטֶערֶע, חָשׁוּבְ'עֶרֶע; אַלְץ אִיז דִמְיוֹנוֹת . יד

אִין יְשִׁיבָה קֶען מֶען מַאכְן שִׂמְחוֹת נָאר אוֹיפְ'ן פָּשׁוּטְ'סְטְן אוֹפָן ...טו

גֵיי הֲפָצָה נָאר ווּאוּ מֶען לָאזְט דִיר גֵיין................................ טז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ מִיט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, זֶעכְצְן יָאר אַלְט אוּן אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ סְפֵיקוֹת אוּן קַשְׁיוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט. אִיךְ גְלֵייבּ אִין בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ רֶעד אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער נָאכְאַלְץ בִּין אִיךְ פוּל מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן עֶר טוּט אַלֶעס, אָבֶער לֵיידֶער שְׁפִּיר אִיךְ זֵייעֶר וֵוייניג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ נִישְׁט פוּן דִי סְפֵיקוֹת וְכוּ׳; דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: ״דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין אוּנְז אַלֶעמֶען, עֶר לֶערְנְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם חֲקִירוֹת״, דִי עֵצָה גֶעגַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם אִיז נָאר דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט אִים אַזוֹי קְלָאר - נָאךְ מֶער וִוי מֶען זֶעט אַ זַאךְ.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מו) וֶוען מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעִמְקֵי הַלֵּב, וַאֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ וּפוֹנֶה לְצַעֲקָתוֹ", וֶוען מֶען הָאט קַשְׁיוֹת דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, "קֻשְׁיָא, רָאשֵׁי־תֵבוֹת שְׁ'מַע יְ'יָ קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא", דִי אוֹתִיּוֹת פוּן "קַשְׁיָא" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער (תְּהִלִּים כז, ז): "שְׁ'מַע יְ'יָ קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא", אַז מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער אַז אִיר הָאט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אִיז דָא אֵיין עֵצָה - אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג. אִיךְ שְׁרַייב אַייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר; הַיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל בִּלְבּוּלִים, אִיךְ הָאבּ סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְפֵיקוֹת אוּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דִיר; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר – הַכֹּל לַכֹּל אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, עֶס אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען פְרֶעגְט אַייךְ: "וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" זָאלְט אִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן: "יָא", נָאר עֶנְטְפֶערְט: "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט אַייךְ: "וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶערְט: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דָאס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בַּפֶּה שֶׁל אָדָם", וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַלְץ מֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט: 'מִיט מַיין מוֹיל פַארְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה", אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - דָאס אַלֵיינְס אִיז אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה.

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אִיךְ זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט מַיין וַוייבּ, אוּן אָפְּלָאזְן בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין גַאנְצֶע חַיּוּת אוּן לֶעבְּן קוּמְט פוּן דִי דְרָשׁוֹת אוּן שִׁיעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז פַאר מַיין וַוייבּ שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אִיךְ גֶעהֶער צוּ בְּרֶסְלֶב, זִי זֶעט אַז אִיךְ לֶערְן אוּן אִיךְ דַאוֶוען אוּן זִי פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, עֶס טוּט אִיר אָבֶּער וֵויי אַז דָאס קוּמְט פוּן בְּרֶסְלֶב.

זִי פְרֶעגְט מִיר כְּסֵדֶר פַארְוָואס אִיךְ גֵיי וַוייטֶער אָן דֶערְמִיט מִיט אַזַא בְּרֶען אִין דִי צַייט וָואס דָאס טוּט אִיר אַזוֹי וֵויי, אִיךְ זָאג אִיר אָבֶּער אַז אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם הָאט זִי זִיךְ נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּמִישְׁן בַּיי מִיר אוּן אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיר אִיר וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

וְויל אִיךְ אָבֶּער וִויסְן אוֹיב אִיךְ טוּ רִיכְטִיג, דַארְף אִיךְ זִיךְ אֶפְשָׁר יָא רֶעכֶענֶען מִיט אִיר? אָדֶער זָאל אִיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג, אֲפִילוּ עֶס שְׁטֶערְט אִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס עֶס שְׁטֶערְט אִיר בְּרֶסְלֶב; בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס דַארְף שְׁטֶערְן פַאר דִי וַוייבּ, פַארְקֶערְט, רוֹב פְרוֹיעֶן ווִילְן זֵייעֶר מַאן זָאל זַיין בְּרֶסְלֶב, וַוייל דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער רֶבִּי וָואס רֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת - אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי. אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים גֶעפִינְט מֶען נִישְׁט דֶער עִנְיָן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, נָאר דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר פַארְלַאנְגְט פוּן אוּנְז מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן הַאלְטְן טַייעֶר דִי וַוייבּ, קוּק אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן רסד).

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אֲפִילוּ זִי ווִיל נִישְׁט מִיט גֵיין מִיט דַיין

וֶועג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.) רֶבִּי חִיָּיא׳ס וַוייבּ פְּלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ פְּלֶעגְט עֶר אִיר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִיָּיא: "רֶבִּי, פַארְוָואס טְרָאגְט אִיר דֶער רֶבִּי גוּטֶע זַאכְן, זִי טְשֶׁעפֶּעט דָאךְ אַלְץ דֶעם רֶבִּי׳ן?" הָאט רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיר פוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִי צִיט אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; זֶעט מֶען וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, אַז אֲפִילוּ דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט עֶר זָאל נִסְתַּלֵּק וֶוערְן - וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט זַיין וַוייבּ, נָאר מְכַבֵּד גֶעוֶוען אוּן אִיר אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט גוּטֶע זַאכְן.

מַיין פְּרַאגֶע אִיז, פַארְוָואס דַארְף זִי וִויסְן אַז דַיין חַיּוּת, דַיין בְּרֶען - קוּמְט פוּן רֶבִּי׳ן? דוּ גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן אַז עֶס שְׁטֶערְט אִיר בְּרֶסְלֶב - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט מְצַעֵר זַיין אוּן זִיךְ טַעֲנָה׳עֶן מִיט אִיר, זִי דַארְף נִישְׁט וִויסְן אַז דוּ נֶעמְסְט חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, דוּ זָאלְסְט אִיר שְׁטֶענְדִיג מְכַבֵּד זַיין, וֶועסְטוּ זֶען אַז מִיט דִי צַייט וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן עֲבֵירוֹת וָואס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה דֶערוֹיף?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ה׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, עֶס נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ תְּשׁוּבָה זָאל נִישְׁט הֶעלְפְן, אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל, נִישְׁט קַיין אִינְטֶערְשֵׁייד וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה נוּצְט תְּשׁוּבָה. תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט אַן עִנְיָן אָדֶער אַ מִנְהָג, תְּשׁוּבָה אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה אִין דִי תּוֹרָה, אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן רַחֲמָנָא לִצְלָן קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא, פַּרְשָׁה מד): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה", תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, "שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט בַּיי זִיךְ 'אִיךְ גֵיי תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ גֵיי אָפְּלָאזְן מַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים', "מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", קוּמְט עֶר אָן אַזוֹי הוֹיךְ - בִּיזְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, עֶר קוּמְט אָן בִּיזְ'ן כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; ווַייל יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, עֶס אִיז דָא וָואס הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, ווֵייסְט עֶר נִישְׁט וָואס צוּ טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר ווֵייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ רֶעדְסְט; דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, זָאג אִים אַז דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט): "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!" דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: "אוּן אֲפִלּוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, אוּן מֶע שְׁרַייט, אוּן מֶע שְׁרַייט"; דָאס אִיז דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶתְ'עֶ תְּשׁוּבָה מִיט אַלֶע אִידְן אִינְאֵיינֶעם.

...

## בֶּעסֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פֶעלְד, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ אִינְדֶערְהֵיים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס זֶענֶען מִיר מְחַיֶּ', אִיךְ פְּרוּבִיר יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאב בַּאשְׁטִימְט פַאר דֶעם אַ שָׁעָה יֶעדְן טָאג אִין אַ צִימֶער.

לֶעצְטְנְס אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין אִינְדְרוֹיסְן נָאנְט צוּ אַ פֶעלְד, הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פֶעלְד, וָואס הָאט דָאךְ דִי מַעֲלוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען אִיז צְווִישְׁן דִי גְרָאזְן אוּן עֶס אִיז דָא ווֵיינִיגֶער שְׁטֶערוּנְגֶען. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אָנְקוּמֶענְדִיג אַהִין הָאב אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, יֶעדֶעס קוֹל פוּן אַ בְּלֶעטְל הָאט מִיר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אַז אֶפְשָׁר קוּמֶען ווִילְדֶע חַיוֹת צוּ מִיר, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ דָארְט גֶעהַאט מֶער אֱמֶתְ'עֶ דִיבּוּרִים ווִי בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער אִין אַן אַנְדֶערֶע צִימֶער. ווִיל אִיךְ

וויסְן וָואס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי גֵייט עֶס אִין אָנְהֵייבּ; מֶען וֶוערְט גֶעשְׁטֶערְט פוּן יֶעדֶע גֶערוּדֶער, וֶוען מֶען הֶערְט אַ בְּלֶעטְל זִיךְ שָׁאקְלֶען מֵיינְט מֶען אַ חַיָּ' קוּמְט און וֶוען דִי ווִינְט בְּלָאזְט מֵיינְט מֶען רוֹצְחִים קוּמֶען, וְכַדוֹמֶה; אָבֶּער אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט עַקְשָׁנוּת - זֶעט מֶען אַז אַלֶעס אִיז דִמְיוֹנוֹת, דִי גֶערוּדֶער אִיז פוּן בְּלֶעטְלֶעךְ און פוּן דֶער ווִינְט, מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי זַאכְן.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס אִיז בֶּעסֶער; בֵּיידֶע אִיז בֶּעסֶער. מֶען דַארְף בֵּיידֶע, מֶען דַארְף גֵיין אִין פֶעלְד, אוֹיבּ אִיז שַׁיָיךְ צוּ גֵיין אִין פֶעלְדֶער און וָועלְדֶער - אִיז נָאךְ בֶּעסֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נב): "וְגַם צְרִיכִין שֶׁיִּהְיֶה הַהִתְבּוֹדְדוּת בְּמָקוֹם מְיֻחָד דְּהַיְנוּ חוּץ מֵהָעִיר בְּדֶרֶךְ יְחִידִי, בְּמָקוֹם שֶׁאֵין הוֹלְכִים שָׁם בְּנֵי אָדָם", מֶען זָאל זִיךְ גֵיין מִתְבּוֹדֵד זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֵייט נִישְׁט, "כִּי בְּמָקוֹם שֶׁהוֹלְכִים שָׁם בְּנֵי אָדָם בַּיּוֹם, הָרוֹדְפִים אַחַר הָעוֹלָם הַזֶּה", וַוייל אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן, אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ בַּייטָאג, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעטוּן אִין וֶועלְט זַאכְן, "אַף עַל פִּי שֶׁכָּעֵת אֵינָם הוֹלְכִים שָׁם, הוּא מְבַלְבֵּל גַּם כֵּן הַהִתְבּוֹדְדוּת", וֶועט דָאס שְׁטֶערְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען מִתְבּוֹדֵד זַיין, אֲפִילוּ יֶעצְט אִיז קֵיינֶער נִישְׁט דָארְט - דָאךְ אִיז דֶער פְּלַאץ נִישְׁט מְסוּגָל פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, "וְאֵינוֹ יָכוֹל לְהִתְבַּטֵּל וּלְהִכָּלֵל בּוֹ יִתְבָּרַךְ", מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן צָרִיךְ שֶׁיֵּלֵךְ לְבַדּוֹ בַּלַּיְלָה בְּדֶרֶךְ יְחִידִי, בְּמָקוֹם שֶׁאֵין שָׁם אָדָם וְשָׁם יֵלֵךְ וְיִתְבּוֹדֵד וִיפַנֶּה לִבּוֹ וְדַעְתּוֹ מִכָּל עִסְקֵי עוֹלָם הַזֶּה וִיבַטֵּל הַכֹּל, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לִבְחִינַת בִּיטּוּל בֶּאֱמֶת", דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי, דַארְף מֶען גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט, נִישְׁט בַּייטָאג און נִישְׁט בַּיינַאכְט, און זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק מִיטְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ אִימֶער; וָוארְט

נִישְׁט צוּ גֵיין אִין פֶעלְד, וַוארְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, הֵייבּ אָן רֶעדְן דָארְט וואוּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ. דוּ וֵוייסְט דָאךְ דִי מַעֲשֶׂה (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן שצד), וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעצוֹיגְן קֵיין בְּרֶסְלֶב הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם צִי עֶס אִיז דָא אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, וואוּ מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְּלַאץ בַּיים עֶק שְׁטָאט, אַ שֵׁיינֶער הֵייל, אָבֶּער עֶס אִיז זֵייעֶר וַוייט אַהִין צוּ גֵיין, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וַוייט? ווִי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַארְץ?" דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן טְרִיט וָואס מֶען גֵייט אַהִין, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צוּרִיק; דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט 'וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן וַוייט? ווִי וַוייט אִיז פוּנֶעם מוֹיל בִּיזְ'ן הַארְץ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ צִיטֶער פוּן דִי אוֹיסְגַאנְג פוּן דִי וַואלְן אִין אַמֶערִיקֶע

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן דָאס יָאר קֵיין אוּמַאן, עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַזַא שְׁרֶעקֶעדִיגֶע יָאר, שְׁנַת תש"פ, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט. יֶעצְט גֵייט זַיין וַואלְן אִין אַמֶערִיקֶע אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס וֶועט פַּאסִירְן אַז עֶס גֵייט קוּמֶען אַן אַלְטֶער אָפְּגֶעקַאלְעכְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן פִירְן אַ לַאנְד. וֶוען אִיךְ לֵיין עֶס וֶוען אִין הִיסְטָארִיעֶ בִּיכֶער וָואלְט עֶס גֶעוֶוען גַאנְץ גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער עֶס מִיטְצוּלֶעבְן אִיז גָאר שְׁרֶעקֶעדִיג.

מַיין גַאנְצֶע הָאפֶענוּנְג אִיז גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּטֶע יָאר, אוּן יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ, צִיטֶער אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וָואס פַאר אַ סָארְט יָאר עֶס גֵייט קוּמֶען. אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג צוּ מַאכְן אַז דִי יָאר זָאל זַיין גוּט אוּן פֵיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן אוּמְזִיסְטִיגֶע זָארְג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַזוֹי זִיס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס; נִישְׁט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן אוּן נִישְׁט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט שָׁאדְן מַאכְן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס. אַז מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ זִיסֶע יָאר אוּן אַז מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי תּוֹרָה דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף; עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אוֹיבּ דֶער אִיז פְּרֶעזִידֶענְט אָדֶער יֶענֶער אִיז פְּרֶעזִידֶענְט, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין אֵיין זַאךְ 'אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט דִי תּוֹרָה'.

הֶער אוֹיף לֶעבְּן מִיט דִמְיוֹנוֹת, אוֹיבּ דֶער פְּרֶעזִידֶענְט גֶעוִוינְט וֶועט זַיין גוּט אוּן אוֹיבּ יֶענֶער גֶעוִוינְט וֶועט זַיין שְׁלֶעכְט; נֶעם אַרַיין אִין זִיךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה, אוֹיבּ מֶען וֶועט גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וֶועט זַיין גוּט פַאר אוּנְז אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט מִיט דִי תּוֹרָה דֶעמָאלְט קוּמְט אַן עוֹנֶשׁ מִן הַשָּׁמַיִם.

מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שְׁנַת בְּרָכָה, אַ שְׁנַת גְּאוּלָה; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי נֵייעֶס וָואס הַאקְן אוּן לִיאַרְמֶען טָאג אוּן נַאכְט אִין קָאפּ אַז דֶער וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה אָדֶער יֶענֶער וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה. אַז דִי נֵייעֶס רֶעדְט אִין אִידִישׁ מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז דָאס אִיז כָּשֵׁר; מֶען קֶען רֶעדְן אִין אִידִישׁ, שְׁרַייבְּן אִין אִידִישׁ - אוּן עֶס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, וַוייל אַ יְשׁוּעָה וֶועט זַיין נָאר אַז מֶען וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ יְשׁוּעָה וֶועט זַיין וֶוען אַלֶע וֶועלְן אַיינְעֶרְקֶענֶען אַז 'אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ'; דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שְׁנַת בְּרָכָה, אַ שְׁנַת פַּרְנָסָה.

אַז דוּ ווִילְסְט אַן עֵצָה נִישְׁט צוּ זַיין דֶערְשְׁרָאקְן - זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן הֶערְן נֵייעֶס; נֵייעֶס אִיז אַ שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ, עֶס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן וַוארְפְט אִים אַרַיין אִין אַ פַּאנִיק. דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט דֶעם

פָּסוּק פוּן דִי תּוֹכָחָה (וַיִּקְרָא כו, לו): "וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ בִּלְבָבָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה וֶועל אִיךְ אַרַיין לֵייגְן אַ מוֹרָא אִין אַייךְ, "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", אִיר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פַאר שְׁרֶעק פוּנֶעם קוֹל וָואס דִי בְּלֶעטְלֶעךְ גֶעבְּן אַרוֹיס וֶוען דִי וִוינְט בְּלָאזְט דֶערוֹיף, טַייטְשְׁט עֶר (בְּסֵפֶר חַיִּים וְשָׁלוֹם) דֶער "עָלֶה נִדָּף", מֵיינְט מֶען דֶער פַארְשְׁטוּנְקֶענֶעם בְּלֶעטְל פוּן אַ צֵייטוּנְג וָואס דֶערְשְׁרֶעקְט טָאג אֵיין טָאג אוֹיס פוּן מִלְחָמוֹת וְכַדּוֹמֶה; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס לֶעבְּן מִיט נֵייעֶס, זֵיי וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, דִי נֵייעֶס וַוארְפְט שְׁטֶענְדִיג אַ פַּחַד אוּן אַ פַּאנִיק, דָאס הַרְגְ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ מֶער וִוי יֶעדֶע צָרָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֶענְגֶען (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי, פֶּרֶק ז) רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה הָאט דֶערְצֵיילְט: "פַּעַם אַחַת הָיִינוּ יוֹשְׁבִים בֵּין הָאִילָנוֹת", אֵיינְמָאל זֶענֶען מִיר גֶעזִיצְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, "וְנָשְׁבָה הָרוּחַ וְהִטִּיחוּ הֶעָלִים זֶה בָּזֶה", אִינְמִיטְן הָאט אַ וִוינְט צֶעבְּלָאזְן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי בְּלֶעטְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אֵיינֶע אוֹיפְ'ן צְווֵייטְן אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ קוֹל, "עָמַדְנוּ וְרַצְנוּ וְאָמַרְנוּ 'אוֹי לָנוּ שֶׁמָּא יַדְבִּיקוּנוּ הַפָּרָשִׁים'", מִיר זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן פַּחַד אַז מֶען גֵייט אוּנְז הַרְגְ'עֶנֶען, "לְאַחַר זְמַן נִפְנִינוּ אַחֲרֵינוּ, וְרָאִינוּ שֶׁאֵין בְּרִיָּה", נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער לוֹיפְט אוּנְז נִישְׁט נָאךְ, הָאבְּן מִיר גֶעוֵוייְנְט אַז עֶס אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן בַּיי אוּנְז דָאס וָואס שְׁטֵייט "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף"; אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי וָואס הֶערְן דִי נֵייעֶס, מֶען וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט. מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן פַּחַד, בִּשְׁעַת קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער רוֹדְפְ'ט נִישְׁט.

ווָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זַיין נֵייעֶס אִיז דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, זַיין נֵייעֶס אִיז אַ בְּלַאט גְמָרָא, מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט; עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן פִירְט דִי וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן אָדֶער עֶרְגֶער מַאכְן; אַזַא אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועלְט, וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין הָאפֶענוּנְג אִיז נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, חַזֶר זִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין וֶועט דִיר גוּט זַיין; חַזֶר זִיךְ: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים", אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן אוּן דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט אַלֶעס, "וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", נָאר עֶר אַלֵיינְס הָאט אַלֶעס גֶעטוּן, טוּט אַלֶעס אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען הַאלְטְן מַיין שְׁטוּב, אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעטְ'ן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט הָאבְּן צַייט צוּ לֵיינֶען מַיין בְּרִיוו, אִיךְ פִּיל אַ גֶעוואַלְדִיגֶע הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי צַייט וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מִיר, מַיין ווַייבּ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאף אַז אִיךְ וֶוער כָאטְשׁ פַארְעֶכְנְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן פַאר דִי קוֹלִיטְשֶׁעס כָאטְשִׁיג. אִיךְ הָאבּ דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס מֶען הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער אִיךְ וִויל כָאטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אִינְמִיטְן וֶועג וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן אִיךְ דַארְף אַסַאךְ חִיזּוּק אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין דָארְט.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט מַיין מַצָּב, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אַז מֶען גֵייט זִיךְ טֵיילְן הָאבּ אִיךְ עֶרְשְׁט אַיינְגֶעזֶען אִין דִי וֶוערְטֶער אַז גֶעטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה. אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען צוּרִיקְצוּדְרֵייעֶן אוּן נֶעמֶען וָואס מֶער חִיזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי דִי גְרֶעסְטֶע אוּן טֵייעֶרְסְטֶע טֶערֶעפִּיסְטְן אוּן שְׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְס פַאר אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט נָאךְ אַ פְּלַאץ אוֹיסֶער הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. אִיךְ נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער צוּ גֶעבְּן פַאר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ כָאטְשׁ אַזוֹיפִיל וִויפִיל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטֵיילְט פַאר אַלֶע טֶערָאפִּיסְטְן בְּלִי נֶדֶר.

בֵּיזְדֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ הַיינְט נָאכְאַמָאל אָנְגֶעפַאנְגֶען לֵייגְן תְּפִלִּין יֶעדְן טָאג. אִיךְ וִויל וִויסְן וִוי לַאנְג זָאל אִיךְ מִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם פַאר אִיךְ נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער דִי קוּמֶענְדִיגֶע זַאךְ. אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מִיר אוּן מַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אִיךְ הָאף דוּ װֶעסְט אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל אַרוֹיסְקְלַאפְּן פוּן קָאפּ דִי בֵּייזֶע רוּחַ װָאס לוֹיפְט דִיר נָאךְ שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט - זִיךְ צוּ גֶטְ׳ן; װָאלְסְטוּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער װָאלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַריין גֶעמִישְׁט, אָבֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן זִיסֶע קִינְדֶער שְׁפִּיר אִיךְ פַאר אַ פְּלִיכְט אִיךְ זָאל דִיר צוּרִיק הַאלְטְן פוּן זִיךְ גֶטְ׳ן, דוּ טָארְסְט דָאס נִישְׁט טוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

װֶען עֶלְטֶערְן גֶטְ׳ן זִיךְ - לַיידְן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער פַאלְן קָרְבָּנוֹת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין צ:): ״כָּל הַמְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, אֲפִילוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד דְּמָעוֹת״, װֶען מַאן אוּן װַייבּ גֶטְ׳ן זִיךְ װֵויינְט דֶער מִזְבֵּחַ; פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: ״פַארְװָאס װֵויינְט דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא אַסַאךְ כֵּלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, פַארְװָאס װֵויינְט נִישְׁט דֶער שֻׁלְחָן, דִי מְנוֹרָה, דִי אָרוֹן, װָאס עֶפֶּעס דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? נָאר דֶער מִזְבֵּחַ װֵויינְט, װִי צוּ זָאגְן: ׳מֶען אִיז שׁוֹין מַקְרִיב אוֹיף מִיר גֶענוּג קָרְבָּנוֹת, פַארְװָאס פֶעלְט אוֹיס מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען נָאךְ קָרְבָּנוֹת...׳״

אַז עֶס אִיז דִיר שְׁװֶוער מִיט דַיין װַייבּ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס פַארְבֶּעסֶערְן; אַז דוּ װֶעסְט זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן, דוּ װֶעסְט אָנְהֵייבְּן גֵיין אִין דִי װֶועג פוּן דִי תּוֹרָה - װֶועט זִי זִיךְ טוֹישְׁן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, יח) ״אֶעֱשֶׂה לוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ״, זָכָה - עוֹזַרְתּוֹ, לֹא זָכָה - כְּנֶגְדּוֹ; אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אִיז דִי װַייבּ מִיט אִיר מַאן אוּן זִי הֶעלְפְט אִים, אוֹיבּ אִיז מֶען נִישְׁט זוֹכֶה אִיז דִי װַייבּ אַ כְּנֶגְדּוֹ, אַלֶעס טוּט זִי פַארְקֶערְט פוּנֶעם מַאן; אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִיר, אַז דוּ װֶעסְט אָפְּלָאזְן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע װֶועגְן, דוּ װֶעסְט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, דַאװֶענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - װֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ קֶענֶען לֶעבְּן גֶעהֶערִיג מִיט מַיין וַוייבּ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ חֲסִידִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע און וואוּילֶע וַוייבּ, אָבֶּער שׁוֹין זַייט מַיין חֲתוּנָה מוּטְשֶׁען מִיר זִיךְ אַז זִי קֶען נִישְׁט לֶעבְּן מִיט מִיר גֶעהֶערִיג צוּזַאמֶען. מֶען הָאט מִיר גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה צוּגֶערֶעדְט אִיךְ זָאל זִיךְ גֶטְ'ן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ וֶועל דָאס נִישְׁט טוּן, נָאר אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת עֶס צוּ מַאכְן אַרְבֶּעטְן.

זִי קוּמְט פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע מִשְׁפָּחָה, און זִי אִיז גֶעטְשֶׁעפֶּעט גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַ בְּרוּדֶער אַ מְנֻוָּל, דָאס הָאט צֶעשְׁטֶערְט אִיר לֶעבְּן. מִיט דִי יָארְן אִיז עֶס גֶעוָוארְן אַבִּיסְל בֶּעסֶער, אָבֶּער מִיר לַיידְן נָאךְ אַסַאךְ פוּן דֶעם. זִי נֶעמְט מֶעדֶעצִין און מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ טֶערֶעפִּי, עֶס הָאט אָבֶּער נִישְׁט צוּפִיל גֶעהָאלְפְן, אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס וָואס מִיר קֶענֶען טוּן דֶערְצוּ? זִי אִיז אַ גוּטֶע וַוייבּ וָואס פְּרוּבִּירְט דָאס בֶּעסְטֶע וָואס זִי קֶען.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז תְּפִלָּה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל פַארְגֶעסְן פוּן אִיר עָבַר, זִי זָאל וֶוערְן אַ נַייעֶ מֶענְטְשׁ; בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלְץ מֶעגְלִיךְ, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְטוּ בֶּאֱמֶת הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ - זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן, אִיר שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְרִימֶען און גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, בִּיז זִי וֶועט וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשׁ.

הֶער אוֹיף מִיט דִי אַלְטֶע וֶוערְטֶער, אִיר קְלַאפְּן און אִיר שְׁוַואךְ מַאכְן אַז זִי אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם, אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט; פוּן הֶערְן אַז מֶען אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, פוּן דֶעם אַלֵיינְס וֶוערְט מֶען נִישְׁט-גֶעזוּנְט. הֵייבּ אִיר אוֹיף מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶוער נִישְׁט מִיד פוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. דָאס וֶועסְטוּ קֶענֶען טוּן נָאר אַז דוּ וֶועסְט טַאקֶע הַאלְטְן פוּן אִיר; זוּךְ אִין אִיר גוּטְס, זוּךְ אִין אִיר רַחְמָנוּת - וֶועסְטוּ זֶען אַן אַנְדֶערֶע בִּילְד, אַזוֹי וֶועסְטוּ אִיר קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיסְהֵיילְן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס - דֶעם לֶעצְטְן טָאג) דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם קֶענִיג דֶער אַכְזָר וָואס הָאט גֶעהֵייסְן שִׁיסְן אַלֶע צֶען פַּיילְן וָואס אִיז גֶעוֶועזְן בַּאשְׁמִירְט מִיט אַלֶע צֶען סַמְ'עֶן אִינֶעם בַּת מַלְכָּה, מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, מֶען הָאט אִין אִיר אַרַיין גֶעשָׁאסְן אַלֶע סָארְט פַּיילְן בַּאשְׁמִירְט מִיט אַלֶע סַמְ'עֶן בִּיז דִי בַּת מַלְכָּה אִיז גֶעפַאלְן חַלָּשׁוּת; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זוּכְט אִיר צוּ פַארְכַאפְּן אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט - שִׁיסְט עֶר אַרַיין אִין אִיר אַלֶע סָארְט פַּיילְן, דָאס מֵיינְט עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם אִיד אִין אַלֶע צֶען טֻמְאוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן בִּיז דֶער אִיד פַאלְט חַלָּשׁוּת, "אוּן אִיךְ" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "הֵייל זִי, אִיךְ הָאבּ דִי כֹּחַ אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן אַלֶע סָארְט טֻמְאוֹת, פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס".

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אוֹיפְבּוֹיעֶן נֶעמְט צַייט, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת; וֶוען דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן וֶועסְטוּ נָאךְ נִישְׁט זֶען קַיין עֶנְדֶערוּנְג, אָבֶער מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד וֶועסְטוּ עֶס מַאכְן, דוּ וֶועסְט אִיר אִינְגַאנְצְן אוֹיסְהֵיילְן.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בֵּייגֶעוואוֹינְט בַּיי אַסַאךְ פֶּעלֶער, וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט דִי פְּרָאבְּלֶעם וָואס דוּ הָאסְט; דִי וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן מִיטְ'ן מַאן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוּן זִיךְ אַלְץ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט מִיט תֵּירוּצִים וְכוּ', אוּן מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פוּן זוּכְן גוּטְס אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן הָאט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיז דָא אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אִיךְ דַארְף פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה, אָבֶער דָאךְ אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, מִמֵּילָא לוֹינְט זִיךְ עֶס.

לֵיידֶער בִּין אִיךְ שְׁטַארְק אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וַוייט אַז אִיךְ קוּק אַ גַאנְצְן טָאג רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, אוּן אוֹיךְ קֶען אִיךְ אַסַאךְ מָאל שְׁטֵיין לַאנְג אוֹיף דִי גַאס סְתָּם בַּאטְרַאכְטְן

אַלֶע סָארְט פְּרוּיעֶן. אִין נָאךְ עֶרְגֶערְס פוּן דֶעם, אִיךְ חָלוֹם אֲפִילוּ בַּיינַאכְט פוּן דִי אַלֶע סָארְט זַאכְן. אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעלַאשְׁן פוּן יֶעדֶע הִתְעוֹרְרוּת אַז אִיךְ ווייס אֲפִילוּ נִישְׁט צִי עֶס לוֹינְט מִיר צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ זוּךְ נָאר אַ גַאנְצְן טָאג וואוּ אִיךְ קֶען הָאבְּן מֶער תַּאֲווֹת וְכַדּוֹמֶה, וֶוען אִיךְ הָאבּ אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט טוּ אִיךְ נָאךְ עֲבֵירוֹת, אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג נָאר פוּן דֶעם.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַּאר מִיר אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה וָואס קֶען בֶּאֱמֶת הֶעלְפְן צוּ עוֹקֵר זַיין אִינְגַאנְצְן דִי פְּרָאבְּלֶעם אוּן טוֹישְׁן דִי גַאנְצֶע מַחֲשָׁבָה? אִיךְ פִיל אַז דֶער רֶבִּי הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט, וויפִיל אִיךְ הָאבּ נָאר פְּרוּבִּירְט, אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס וֶועט מִיר הֶעלְפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַן עֵצָה וָואס קֶען אִינְגַאנְצְן עוֹקֵר זַיין דַיין פְּרָאבְּלֶעם אוּן טוֹישְׁן דַיין גַאנְצֶע מַחֲשָׁבָה; נֶעם דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען דִי תּוֹרָה אוֹיךְ הֶעלְפְן, דִי תּוֹרָה הָאט אַזַא כֹּחַ אַז עֶס קֶען אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי עֲבֵירוֹת, "וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, "כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי זַאךְ אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַן עֵצָה אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן 'אוֹיבּ תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז

אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס! אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין דִי נֶעגְל פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶר זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה וֶועט עֶר אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד'".

דֶערְפַאר, אַז דוּ זוּכְסְט אַן עֵצָה וָואס קֶען אִינְגַאנְצְן עוֹקֵר זַיין דַיין פְּרָאבְּלֶעם אוּן טוֹישְׁן דַיין גַאנְצֶע מַחֲשָׁבָה, נֶעם דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיב דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנָיוֹת; פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס הָאט אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע כֹּחַ צוּ הַרְגֶ'נֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע.

דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"ם פַּאפִּירְשׁ זָאגְט (אוֹר צַדִּיקִים סִימָן כב, אוֹת יא): "טוֹב לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם, וְאִם אֶפְשַׁר שֶׁיַּשְׁלִים ח"י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד חַ"י עוֹלָמוֹת מַה טוֹב וּמַה נָּעִים", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, "יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ", אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט זֵיי, "כִּי הוּא תִּיקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד אֵל חַי", ווייל מִיט'ן זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען מְתַקֵּן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, "גַּם סְגוּלָה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, דוּ וֶועסְט דָאס טוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט וֶועט אִינְגַאנְצְן נֶעֱקַר וֶוערְן דַיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶס וֶועט טוֹישְׁן דַיין גַאנְצֶע מַחֲשָׁבָה, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "מִשְׁנֶה"; וִוי מֶער מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן, מֶען וֶוערְט רֵיין. מִשְׁנָיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים ל, ד): הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי אִיז מִשְׁנָה, אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיין גֶעפַאלְן.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי הֶענְט פוּנֶעם שָׂטָן, אָבֶּער דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה; הוּנְדֶערְטֶער אוּן

טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת. אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ וֵוייס פוּן צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין פְּגַם הַבְּרִית בִּיז אִיבֶּער דִי אוֹיעֶרְן, אוּן דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן מִשְׁנַיוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען מִשְׁנַיוֹת פַּאר זֵייעֶר צִיל - זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס אִינְגַאנְצְן פוּן דִי טוּמְאָה אוּן זֶענֶען גֶעוָוארְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּערְנַאכְט; אָבֶּער דֶער וָואס הָאט סַבְלָנוּת, דֶער וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה יֶעדְן טָאג - דֶער וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דוּ קֶענְסְט נָאךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן.

...

## פַארְוָואס אִיז גֶעוֶוען הִתְנַגְּדוּת קֶעגְן רֶבִּי׳ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אַ מַחֲשָׁבָה וָואס אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן בְּנוֹגֵעַ חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר לָאזְן וִויסְן צִי דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע מְהַלֵךְ.

מֶען זֶעט אַ חִידוּשׁ לְגַבֵּי דִי הִתְנַגְּדוּת אוֹיף בְּרֶסְלֶב, אַז עֶס אִיז דָא אִין דֶעם פַארְשִׁידֶענֶע מַדְרֵיגוֹת. קוֹדֶם אִיז דָא וָואס הַאלְטְן בִּכְלַל נִישְׁט פוּן בְּרֶסְלֶב, נִישְׁט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן נִישְׁט פוּן דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע תַּלְמִידִים. נָאכְדֶעם אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז פוּן רֶבִּי׳ן אַלֵיין הָאט מֶען גֶעהַאלְטְן אָבֶּער נִישְׁט פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. נָאכְדֶעם, וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן, הָאבְּן מִתְנַגְּדִים גֶעזָאגְט, בְּרֶסְלֶב אִיז דֶער רֶבִּי אוּן רֶבִּי נָתָן, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען אַ נַייעֶר אֵייגְנַארְטִיגֶער דֶרֶךְ וָואס הָאט נִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב, עֶס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ. אוּן הַיינְט אִיז דָא מִתְנַגְּדִים וָואס זָאגְן אַז דֶער דֶרֶךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט מוֹהֲרָא"שׁ, וַוייל מֶען זֶעט בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְשִׁידֶענֶע הִתְנַהֲגוּת וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אֶפְשָׁר נִישְׁט גֶעהַאלְטְן דֶערְפוּן.

מַיין פְּשׁוּטְ'עֶר הֶסְבֵּר לַעֲנִיַּת דַעְתִּי אִיז ווִי פָאלְגְנְד: אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, פוּן לַ"ג בָּעֹמֶר תשד"מ. דָארְט אִיז עֶר מַסְבִּיר אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען עִנְיָנִים פוּן עוֹלָם הָאֲצִילוּת, דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט עֶס מֶער מוֹרִיד גֶעוֶוען אִין עוֹלָם

הַבְּרִיאָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט ווייטער מַמְשִׁיךְ גֶעווען אִין עוֹלָם הַיְצִירָה אוּן דֶער רֶבִּי הָאט עֶס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה, אַז אֲפִילוּ אִין דִי נִידְרִיגְסְטֶע מַדְרֵגָה זָאל מֶען קֶענֶען טְרֶעפְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. אוֹיךְ אִיז בַּאקַאנְט אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים אַז אִין יֶעדֶע פוּן דִי פִיר עוֹלָמוֹת: אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה אוּן עֲשִׂיָּה, אִיז אוֹיךְ דָא פִיר עוֹלָמוֹת - אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה אוּן עֲשִׂיָּה. קֶען מֶען אֶפְשָׁר זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אֲצִילוּת דַעֲשִׂיָּה, רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בְּרִיאָה דַעֲשִׂיָּה, מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען יְצִירָה דַעֲשִׂיָּה, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז עֲשִׂיָּה דַעֲשִׂיָּה. מִמֵּילָא מִיט דֶעם אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ דִי חִלּוּקֵי הַהַנְהָגָה וָואס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן זֵיי. בִּפְרַט הַנּוֹגֵעַ לְעִנְיָנֵנוּ קֶען מֶען גוּט פַארְשְׁטֵיין ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מַמְשִׁיךְ בִּיז עֲשִׂיָּה דַעֲשִׂיָּה, צוּ דִי נִידְרִיגְסְטֶע פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע דַרְגָא, אַז אֲפִילוּ דָארְט קֶען מֶען טְרֶעפְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

וְאִם שָׁגִיתִי, ה' הַטּוֹב יְכַפֵּר בַּעֲדִי.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען, בְּסַךְ הַכֹּל גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער פַאר תַּלְמִידִים וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער אוּן דָאס אַזוֹי שֵׁיין אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן, מִיר זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן; פַארְוָואס זָאל אִיךְ עֶס הַאלְטְן פַאר מִיר אַלֵיין, פַארְוָואס זָאלְן נִישְׁט אַלֶע וויסְן פוּן דֶעם? דָאס אִיז בְּסַךְ הַכֹּל וָואס אִיךְ טוּ.

דִי אַלֶע וָואס זָאגְן מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן פוּן רֶבִּי׳ן אָבֶּער נִישְׁט פוּן רֶבִּי נָתָן - וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שע): ״מֶען דַארְף דַאנְקֶען רֶבִּי נָתָן, ווייל וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר קַיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת״. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט נָאר נָתָן, אוּן נַפְתָּלִי אַבִּיסְל״.

אַלֶע סְפָרִים וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט פוּן רֶבִּי׳ן אִיז נָאר אַ דַאנְק רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע תּוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי׳ן, דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן הָאט עֶר גֶעדְרוּקְט בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ פוּן רֶבִּי׳ן אוּן דֶער

צְווייטֶער חֵלֶק לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הָאט עֶר גֶעדְרוּקְט נָאכְן רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְּקוּת.

נֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן פוּן דִי עַזּוּת פָּנִים'עֶר; וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים, בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵרָה", וָוער עֶס אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה; וִוי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶער עַזּוּת פָּנִים וִוי אֵיינֶער וָואס וַואגְט זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת?! וִוי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקֵי עוֹלָם? נָאר וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פָּגוּם בִּבְרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים נה, כא): "שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִּיקֵי אֱמֶת, אִיז עֶס וַוייל "חִלֵּל בְּרִיתוֹ", דֶער מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת.

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָכָם מֻפְלָג, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶער מַתְמִיד אוּן בָּקִי אִין שַׁ"ס אוּן אִין אַלֶע פּוֹסְקִים. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעקֶענְט גַאנְץ שַׁ"ס מִיט אַלֶע תּוֹסְפוֹת אוֹיף אוֹיסְוֶוייניג. בַּיי זַיין בַּר מִצְוָה אִיז עֶר אַ חָתָן גֶעוָוארְן מִיט אַ טָאכְטֶער פוּן הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק הָרַב רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס אִיז גֶעוֶוען רָב אִין דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט - שַׁארִיגְרַאד, קְרֶעמְנִיץ אוּן מָאהִלִיב; זַיין שְׁוֶוער הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַסַאךְ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פַאר מַיין טָאכְטֶער, אָבֶער אַזַא גְלַאטֶע הַאלְז וִוי נָתָנְ'לֶע הָאבּ אִיךְ נָאךְ נִישְׁט גֶעזֶען".

אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַלֶע וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דִי אַלֶע דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן; אַנְדֶערְשׁ וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אַ צַדִּיק וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר דִי תּוֹרָה. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעלִיטְן פוּן דִי לֵצִים אוּן עַזּוּת פָּנִים'עֶר, בְּעִיקָר פוּן דִי וָואס רוּפְן זִיךְ 'בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים', זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת, דִי אַלֶע וָואלְטְן גֶעוָואלְט רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים לְמַעְלָה בַּקּוֹדֶשׁ אוּן אוֹיפְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, נָאר זֵיי הָאבְּן מוֹרָא מֶען וֶועט זֵיי אַוֶועק שְׁטוּפְּן, דֶערְפַאר רֶעדְן זֵיי אוֹיף שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע צַדִּיקִים. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לח), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, ט): "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם", זֵיי ווִילְן רֶעדְן קֶעגְן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים, זֵיי ווִילְן רֶעדְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵיי הָאבְּן מוֹרָא, "וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ", דֶעריבֶּער רֶעדְן זֵיי אוֹיף דִי צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְּיכוּת מִיט

**קַיין לֵצִים, מִיט מִתְנַגְּדִים; מִיר זָאלְן זַיין דָּבוּק צוּ צַדִּיקֵי אֱמֶת.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מַאכְט נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע טְרַאסְק פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

מַאכְט נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע טְרַאסְק פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן, גֵייט נִישְׁט נָאךְ דִי נֵייעֶ מִנְהָגִים וָואס עֲשִׁירִים הָאבְּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט; רוּפְט נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דִי זֵיידֶע׳ס אוּן עֶלְטֶער זֵיידֶע׳ס פוּנֶעם קִינְד, זֵיי זָאלְן קוּמֶען בֶּענְטְשְׁן דֶעם קִינְד; אוֹיךְ דִי בַּאבֶּע׳ס אוּן עֶלְטֶער בַּאבֶּע׳ס, אָבֶּער דִי מִשְׁפָּחָה אַרוּם אוּן אַרוּם פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ רוּפְן, אַז אִיר װֶעט אַזוֹי טוּן װֶעלְן אַלֶע אַייךְ נָאךְ טוּן.

נֶעמְט אַייעֶר קִינְד אִין חֵדֶר, דֶער מְלַמֵּד זָאל מִיט אִים זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע א-ב; גֶעבְּט אַכְטוּנְג דַיינֶע אוֹיגְן זָאלְן זַיין פַּארְמַאכְט, מֶען פִירְט זִיךְ אִיבֶּערְצוּדֶעקְן דָאס קִינְד מִיט אַ טַלִּית עֶר זָאל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין, עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין דְבָרִים טְמֵאִים. דֶער מְלַמֵּד װֶעט מִיט אִים זָאגְן דִי א-ב, פְּסוּקִים אוּן קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן פֵּיאוֹת פַאר דִי קִינְדֶער אוּן בֶּעטְן וַוייטֶער פַאר זֵיי אוּן זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶרֶע טֶעכְטֶער, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי טֵייעֶר אוּן װוּאוֹיל, זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה אוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זֶע דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן שִׁיעוּר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ הַיינְט נַאכְט אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר; זִי וֶועט זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, זִי וֶועט אַהֵיים קוּמֶען מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְצָאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְהֶעצְן אַ קִינְד קֶעגְן אַ טַאטֶע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאֵי בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דֶער אִינְגְל וָואס דַיינֶע עֶלְטֶערְן לָאזְן אִים נִישְׁט קוּמֶען; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְהֶעצְן אַ קִינְד קֶעגְן אַ טַאטֶע, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אִים זָאגְן עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן אַ טֶעלֶעפָאן; עֶס טוּט מִיט זֵייעֶר וֵויי אַז אִיר פִירְט זִיךְ הִיצִיג אָן שֵׂכֶל.

אִיר דַארְפְט אִים נִישְׁט אַרוֹיס וַוארְפְן, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם אִים אוֹיפְהֶעצְן צוּ גֵיין קֶעגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו, וֶוען דוּ זֶעסְט דֶעם קִינְד גֶעבּ אִים דִי בְּרִיוו.

...

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַז דַיין טַאטֶע וִויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זִיךְ דְרֵייעֶן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ מְחַיֵ׳ זַיין דֶערְמִיט אָן קַיין מַחֲלֹקֶת.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט - זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ; דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז. דֶער רֶבִּי ווִיל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס קֶענְסְטוּ טוּן אָן קַיין מַחֲלֹקֶת, נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט.

אַז דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ וֶועסְט נָאכְמַאכְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ וֶועסְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; אַ שָׁאד זִיךְ קְרִיגְן מִיט אַ טַאטֶע, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען מִיט דַיין טַאטֶע, גֵיי מִיט אִים אִין שׁוּל, זַיי אִים מְכַבֵּד אוּן פַאר דִיר אַלֵיינְס זָאלְסְטוּ לֶעבְּן מִיט דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי׳ן. אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט דָאס נִישְׁט צוּ קַיין מַחֲלֹקֶת, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז נָאר צְווִישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן פַאר אַלֶעמֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט זָאגְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב אַז דָאס אִיז אַ נִישְׁט גוּטֶע פְּלַאץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ה׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, שֶׁיִּחְיוּ.**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ אַייךְ, אִיךְ פְּרוּבִּיר יֶעצְט צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת אַרַיין צוּ קוּמֶען; קֶען זַיין אִין דִי נָאנְטֶע טֶעג וֶועל אִיךְ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיךְ וֶועל זַיין אִין צְוֵויי פְּלֶעצֶער, אִין יַבְנְאֵל, אוּן אִיךְ קוּם צוּ אַייךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיט אַייךְ פוּן דֶער נָאנְט.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן ווִיפִיל גְרוֹיסְן מֶען הֶערְט אוֹיף דִי נֵייעֶ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם, אַלֶע זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ פְּרַיינְטְלִיכֶע פְּלַאץ, מֶען נֶעמְט אוֹיף זֵייעֶר שֵׁיין יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן אַלֶע דִיבּוּרִים אִיז נָאר פוּן תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן; דָאס גֶעבְּט מִיר חַיּוּת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, אַז אִיךְ

זֶע מֶען הָאט זִיךְ לִיב אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

פְּרוּבִּירְט צוּ בַּאוַוייזְן וָואס קֵיינֶער הָאט נָאךְ נִישְׁט בַּאוִויזְן, בַּיי אַייךְ זָאל מְקוּיָם וֶוערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן, לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז דֶער שִׂיחָה נָאכְנִישְׁט מְקוּיָם גֶעוָוארְן, פְּרוּבִּירְט עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי אַייךְ, אַלֶע זָאלְן זִיךְ לִיב הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אִין דִי וֶועלְט מֶען זָאל זִיךְ לִיב הָאבְּן נָאר וֶוען מֶען אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כָּל זְמַן מֶען וִויל נָאךְ עֶפֶּעס קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיב הָאבְּן; דָאס אִיז סַיי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן סַיי מִיט מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מִיט זִיךְ אַלֵיינְס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל גָארְנִישְׁט, דַארְף גָארְנִישְׁט אוּן הָאט גָארְנִישְׁט, דֶעמָאלְט הֵייבְּט עֶר אָן שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ קֶען לִיב הָאבְּן זִיךְ אַלֵיינְס, זַיין וַוייבּ, זַיינֶע קִינְדֶער, מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶעמֶען.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה אַן עֵצָה וָואס מֶען קֶען טוּן וֶוען עֶס גֵייט אַ מַבּוּל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר נֹחַ: מַאךְ זִיךְ אַ תֵּיבָה, נֶעם אַרַיין דַיין מִשְׁפָּחָה - אַזוֹי וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם מַבּוּל. דִי תֵּיבָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף תְּפִלָּה, אַז מֶען וִויל וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן דַארְף מֶען זִיךְ אַרַיין טוּן אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי מִשְׁפָּחָה, אַזוֹי וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, שְׁטַארְקְט אַייךְ אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; גֶעוואוֹינְט זִיךְ אַיין צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פָּשׁוּטְ'עֶ שְׁפְּרַאךְ וָואס אִיר זֶענְט גֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיר רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אִים.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ דִי הַנְהָגָה, מֶען בַּאקוּמְט אַן אַנְדֶערֶע מֹחַ, מֶען בַּאקוּמְט אַן אַנְדֶערֶע קוּק אוֹיפְ'ן לֶעבְּן, אַלֶעס טוֹישְׁט זִיךְ וֶוען מֶען נֶעמְט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי תֵּיבוֹת הַתְּפִלָּה, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ וִוי אִין גַן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ; פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלַאץ קֶען מֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנג): "גִיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען"; פַאר אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק הָאט דֶער רֶבִּי דָאס גֶעזָאגְט, קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַּארְהַאנֶען!

דֶער רֶבִּי הָאט אַן עֵצָה פַאר דִיר אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד - שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ - יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט

עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַּךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָיוֹת וַואשְׁט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, מִשְׁנָיוֹת אִיז אַזוֹי וִוי סְטִיל-וָואל וָואס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע שְׁמוּץ, מִשְׁנָיוֹת וֶועט דִיר אוֹיסְוַואשְׁן דַיין קָאפּ, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן.

אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, קוּים וָואס דוּ קֶענְסְט זָאגְן דִי עִבְרִי - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן מִיט חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנָיוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט פַארְשְׁטֵיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פַאלְן אַוֶועק.

אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט קֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט; מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אַ גְמָרָא מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת, מֶען לֶערְנְט פַאר זִיךְ אַלֵיינְס אָן קֵיינֶעם, דֶער וָואס טוּט דָאס שְׁפִּירְט וִוי עֶר זִיצְט אִין גַן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**טַעְנָה'ט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה בְּעִנְיַן בְּרֶסְלֶב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת; טַעְנָה'ט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה בְּעִנְיַן בְּרֶסְלֶב, דָאס קְרִיגְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל'דִיגֶע זַאךְ; וָואלְט דִי הִתְנַגְּדוּת גֶעוֶוען אַ שֵׂכֶל'דִיגֶע זַאךְ וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן, אוֹיפְוַוייזְן, מַסְבִּיר זַיין וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, עֶס אִיז אַ כֹּחַ הַטוּמְאָה וָואס קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי קְדוּשָּׁה, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זַייעֶר

מוֹרָא פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, דֶערִיבֶּער מַאכְט עֶר מַחֲלֹקֶת אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן.

זָאגְט תְּהִלִּים; אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן זָאגְן תְּהִלִּים, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט וִויסְן אַז אִיר נֶעמְט חִיזּוּק אוֹיף תְּהִלִּים פוּן בְּרֶסְלֶב.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט שׁוֹין טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ, אַזוֹי וֶועט אִיר קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שְׁטוּב אוּן בְּרֶענְגֶען נַחַת פַּאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיבֶּערְ׳חַזְרֶ׳ן דִי בְּרִיוו וָואס מֶען בַּאקוּמְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד דֶער טֵייעֶרֶער חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק פְּרֵיילִיךְ פוּן דַיין שִׁידוּךְ, הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ עֶרְלִיכֶע וואוֹילֶע כַּלָּה תִּחְיֶ׳. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אִינְאֵיינֶעם מִיט אִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ אִינְאֵיינֶעם מִיט הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר טְרַאכְטְן עֶפֶּעס אַ וֶועג, וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַּאר אַלֶע אַבְרֵכִים אוּן בָּחוּרִים, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ אַוֶועק צוּ לֵייגְן דִי בְּרִיוו וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ זֵיי חוֹדֶשׁ׳לִיךְ; עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי בְּרִיוו זָאלְן גֵיין לְאִבּוּד, וַוייל וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ אֵיינֶעם אַ בְּרִיוו וִויל אִיךְ זֵייעֶר עֶר זָאל דָאס כְּסֵדֶר אִיבֶּערְ׳חַזְרֶ׳ן.

עֶס לִיגְט אִין דִי בְּרִיוו אַזוֹי סַאךְ שֵׂכֶל אוּן גוּטֶע עֵצוֹת פַּארְ׳ן לֶעבְּן; אֱמֶת טַאקֶע, מֶען דְרוּקְט אָפּ דִי אַלֶע בְּרִיוְו, אָבֶּער עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֵייגְט אַוֶועק דִי פְּרִיוַואטֶע בְּרִיוְון, אַזוֹי קֶען מֶען דָאס כְּסֵדֶר חַזֶרְ׳ן, זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דֶעם.

טְרַאכְט עֶפֶּעס אַ גֶעדַאנְק אוּן וֶוען אִיר מַאכְט דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מְסִבַּת הַכָּרַת הַטּוֹב זָאלְט אִיר דָאס גֶעבְּן.

...

## אַ מְלַמֵּד זָאל נִישְׁט הֶערְן דִי נַייעֶס, עֶר דַארְף הָאבְּן רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט דִי נַייעֶס אוּן נִישְׁט הֶערְן קַיין נַייעֶס; דִי אַלֶע וָואס הֶערְן נַייעֶס זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקֶן פוּן וָואס עֶס גֵייט זַיין וְכוּ׳, דִי וָואס הֶערְן נִישְׁט קַיין נַייעֶס זֶענֶען רוּאִיג, פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן הֶערְן נַייעֶס; פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה קֶען אִיךְ נָאר בֶּעטְן אָבֶּער פוּן דִיר קֶען אִיךְ עֶס פַארְלַאנְגֶען, וַוייל דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע חֶדֶר, וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט הָאבְּן רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען, דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי רֵיינֶע נְשָׁמוֹת רֵיינְקֵייט, זוֹיבֶּערְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט.

דַיין נַייעֶס זָאל זַיין דִי חוּמָשׁ, דִי בְּלַאט גְמָרָא; דִי נַייעֶס זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער; חַס וְשָׁלוֹם רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן פָּאלִיטִיק, חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה אוּן פַארְקֶערְט; אַ יְשׁוּעָה זֶעט מֶען וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר פִּירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס.

...

## אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, קְלֵיינֶע רֵיינֶע קִינְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): ״אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן״, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעקֶענְט דִי חוּמָשׁ רַשִׁ״י כְּזָקֵן וְרָגִיל, אִיךְ הָאב זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען וִוי גוּט עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוּן פוּן זַיין הֲבָנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זָאלְסְט קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דַיין

הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאף מִיר וֶועלְן קֶענֶען בְּקָרוֹב בַּאצָאלְן דִיר אוּן אַלֶע מְלַמְּדִים.

...

**מַאךְ דַיין סֵדֶר הַיּוֹם צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט צוּרִיק גֵיין אוֹיף דַיין אַלְטֶע סֵדֶר הַיּוֹם, אַמָאל הָאסְטוּ גֶעהַאט אַ בֶּעסֶערֶע סֵדֶר, בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן פְרִי אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פַאַרְטָאגְס; דָאס אִיז אַ בֶּעסֶערֶע סֵדֶר ווִי גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט.

גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב זָאלְסְטוּ זִיךְ גְרֵייטְן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, פַאר׳ן שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דַיין גַאנְצֶע טָאג אוּן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף וַוייטֶער.

אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין זִיךְ אָפְּצוּוואַשְׁן (שָאוּעֶר). חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת נ:): ״רוֹחֵץ אָדָם פָּנָיו יָדָיו וְרַגְלָיו בְּכָל יוֹם בִּשְׁבִיל קוֹנוֹ״, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָפְּוַואשְׁן דֶעם גַאנְצְן קֶערְפֶּער יֶעדְן טָאג, מֶען זָאל זַיין רֵיין פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דַאוֶוענֶען, עֶס פַּת שַׁחֲרִית, נָאכְדֶעם טוּ וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַבִּיסְל צַייט כַאפּ אַרַיין אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י, תְּהִלִּים אוּן גְמָרָא.

...

**דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, קֶענְסְטוּ יֶעצְט לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה; יֶעצְט אִיז דַיין שֶׁענְסְטֶע צַייט, דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט אַן אֵשֶׁת חַיִל, קֶענְסְטוּ יֶעצְט

לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה, מִיט אַ רֵיינֶע מֹחַ.

קוּם צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן קֵיינֶעם, אַז עֶס קוּמֶען אַרַיין אִינְגֶעלַייט אִינְמִיטְן טָאג, זֵיי זוּכְן צוּ שְׁמוּעֶסְן וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן; אִין דִי צַייט וָואס מֶען לֶערְנְט אִיז גָארְנִישְׁט דָא, נָאר לֶערְנֶען.

הֶעלְף מִיר בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל "קִרְיַת בְּרֶסְלֶב"; נָאר מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה, נָאר דוּרְךְ קְבִיעַת עִתִּים לַתּוֹרָה - וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטָאט.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִילָה ג:) וָואס מַאכְט אַ שְׁטָאט זָאל וֶוערְן אַ שְׁטָאט? אוֹיבּ עֶס זֶענֶען דָא צֶען מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר דִי אַנְדֶערֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט.

...

## אָנְגְרֵייטְן עֶסְן פַאר דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר.**

פְּרֶעג דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי קֶען מִיר הֶעלְפְּן אָנְגְרֵייטְן עֶסְן פַאר דִי חֲתוּנוֹת; אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם דֶעם וִוינְטֶער גֵייט זַיין אַ שֵׁיינֶע פָּאר חֲתוּנוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה וֶועט פָארְקוּמֶען דִי זֶעכְצֶנְטְסְטֶע חֲתוּנָה אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר עֶס זָאל וַוייטֶער גֵיין אוֹיף דֶעם אוֹפֶן וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַיינְגֶעפִירְט, עֶס זָאל זַיין גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם, עֶס זָאל נִישְׁט קָאסְטְן קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר בֵּיידֶע מְחוּתָּנִים.

בֶּעט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ זִי זָאל צַאמְנֶעמֶען אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת, יֶעדְן פְרֶעגְן וָואס מֶען קֶען מַאכְן; אַז יֶעדֶער וֶועט אַנְטֵייל נֶעמֶען, אֵיינֶער וֶועט מַאכְן אַ קוּגֶל, אֵיינֶער אַבִּיסְל פְלֵיישׁ וְכַדוֹמֶה, וֶועט עֶס קֶענֶען וַוייטֶער גֵיין אוֹיף דֶעם אוֹפֶן אוּן אַלֶע וֶועלְן הֲנָאָה הָאבְּן בְּעֵת שִׂמְחָתָם.

אִינֶעם זְכוּת פוּן הֶעלְפְּן חָתָן כַּלָּה, הֶעלְפְּן מְחוּתָּנִים חֲתוּנָה מַאכְן אָן חוֹבוֹת, הֶעלְפְּן דֶעם רֶבִּי'ן - וֶועט אִיר זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

### קֵיינֶער קֶען דִיר גָארנִישְׁט גֶעבְּן, קֵיינֶער קֶען דִיר גָארנִישְׁט צוּנֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְלוֹירְן; אִיךְ זָאג דִיר אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ גוּטֶער בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב צוּ מַאכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר דִיר. אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין קָאפּ, גְלֵייבּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז קֵיינֶער קֶען דִיר גָארנִישְׁט גֶעבְּן, קֵיינֶער קֶען דִיר גָארנִישְׁט צוּנֶעמֶען, אַלֶעס אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס; אַז דוּ וֶועסְט חַזֶרְ'ן אֱמוּנָה - וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן.

אִיךְ הָאף דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר זַיין פַאר חִיזּוּק.

אִיךְ הָאף דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, וֶוען דוּ מַאכְסְט אַ סִיּוּם זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן.

...

### זִיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען מְ'שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן חֵשֶׁק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקֶסְט זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם צִי דוּ הָאסְט אַ טַעַם אוּן אַ חֵשֶׁק, דוּ לֶערְן אוּן דַאוֶוען אֲפִילוּ אָן אַ טַעַם.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי אָנְגֵייעֶנְדִיגֶע קָארָאנֶע וֵוייררוּס, זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְלוֹירְן דִי טַעַם אוּן רֵיחַ, זֵיי שְׁפִּירְן נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן שְׁמֶעקְן נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁמֶעק, דָאךְ הָאט זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן עֶסְן, יֶעדֶער וֵוייסְט אַז מֶען דַארְף עֶסְן, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אָן עֶסְן, אַוַודַאי וִויל מֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי עֶסְן, אָבֶּער דָאס נִישְׁט שְׁפִּירְן אַ טַעַם הַאלְט נִישְׁט אָפּ וְכוּ'.

אַזוֹי אִיז מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, מֶען דַארְף וויסְן אַז מֶען דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען דַארְף דַאוְוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג; אַוַודַאי וויל יֶעדֶער שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען, אַ טַעַם אִין דַאוְוענֶען, אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף אַ טַעַם, מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן פַּאל.

שְׁטַארְק זִיךְ; גֶעדֶענְק וָואס דִי בַּת מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן שֵׁנִי לְמַלְכוּת (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א): "דוּ קֶענְסְט מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, נָאר אַז דוּ וֶועסְט אַ גַאנְץ יָאר, וֶוען דוּ הָאסְט נָאר צַייט, זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן אוּן הָאפְן מִיר אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען".

זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע רְצוֹנוֹת, דַיין ווילְן, דַיין בֶּענְקְשַׁאפְט, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווילְסְט זַיין גוּט.

...

## אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט, שְׁפִּירְט דֶעם גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיר דִיר; ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער כֹּחַ בַּאקוּמְט מֶען.

יֶעצְט בִּשְׁעַת דוּ וַוארְטְסְט לְמַזָל טוֹב דַארְפְסְטוּ נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ; אַלֶעס וֶועט זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

ווארִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט, דֶער שְׁפִּירְט דֶעם גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

...

## עֶס אִיז דָא גֶענוּג צַייט צוּ לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּלַייבּ מִיט דִי אַרְבֶּעט, עֶס אִיז דָא גֶענוּג צַייט צוּ לֶערְנֶען; זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פַארְטָאגְס, מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגּוּם, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פַאר׳ן דַאוֶונֶען לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְּמָרָא. אַז עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אִינְמִיטְן טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן צַייט פַאר תְּהִלִּים.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַאכְן קַיין כּוֹלְלִים. וָוען מֶען אִיז אִים גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען זָאל גֵיין אִין כּוֹלֵל פְלֶעגְט עֶר אוֹיסְפְרֶעגְן וְויפִיל שָׁעָה מֶען לֶערְנְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״בִּיז אַכְט שָׁעָה אַ טָאג דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין כּוֹלֵל, יֶעדֶער בַּעַל הַבַּיִת וָואס אַרְבֶּעט דַארְף אַרַיין שְׁטוּפְּן פַאר׳ן אַרְבֶּעט אוּן נָאכְן אַרְבֶּעט - אַכְט שָׁעָה צוּ לֶערְנֶען״.

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי אַרְבֶּעט; מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן אוּן זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל אֲפִילוּ וִויסְן. אַ גַאנְצְן צַייט בַּיי דִי אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, אַזוֹי וֶועט דִי גַאנְצֶע טָאג זַיין אֵיין שְׁטִיק דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי פְרוּמֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן דִי פְרוּמֶע רִשְׁעוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחִיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן פְּרָטִים ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אַייךְ אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן פִינְסְטֶערְנִישׁ; פוּן דִי פְרוּמֶע דִמְיוֹנוֹת, פוּן דִי פְרוּמֶע רִשְׁעוּת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס וָוארְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְרוּ״ם אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פִּ״יל רִ׳שְׁעוּת וֵ׳וויינִיג מִ׳צְוֹת; דִי פְרוּמֶע רְשָׁעִים וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען טָאג אוּן נַאכְט מִיט מַחֲלֹקֶת - דִי זֶענֶען אִין אַ בִּיטֶערֶע פְּלָאנְטֶער, דִי קֶענֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט וָואס תְּשׁוּבָה אִיז, בַּיי זֵיי אִיז תְּשׁוּבָה

- מַאכְן נָאךְ מֶער מַחֲלֹקֶת, בַּיי זֵיי אִיז תְּשׁוּבָה - וֶוערְן נָאךְ מֶער רָשָׁע; זֶעלְטְן וָואס מֶען זֶעט אַז דִי זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זֵייעֶר פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעטְקֵייט.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן פְרוּמֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען פַארְקְרָאכְן אִין טִיפֶע זִינְד, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט אַן אֵייגֶענֶע תּוֹרָה, בַּיי זֵיי אִיז וִוי מֶער אָפְּגֶעשֵׁיידְט - מֶער עֶרְלִיךְ, וִוי מֶער טוּנְקֶל - מֶער צְנִיעוּת, וִוי מֶער שְׁלֶעכְט - אִיז מֶען אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג; דִי זֶענֶען אִין זֵייעֶר אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע, דִי אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זֵיי זָאלְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל וֶוען זֵיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה פַארְקְרִיכְן זֵיי מֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי רְשָׁעִים אִין סְדוֹם; זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן רִשְׁעוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית יג, יג): "וְאַנְשֵׁי סְדֹם רָעִים וְחַטָּאִים", זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁלֶעכְטֶע זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, "לַה' מְאֹד", אַלְץ הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן לְשֵׁם שָׁמַיִם; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י): דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַלְץ מֶער שְׁלֶעכְט, וַוייל זֵיי וִוילְן חֲרָטָה הָאבְּן, זֵיי וִוילְן תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז תְּשׁוּבָה, וָואס אִיז חֲרָטָה - טוּעֶן זֵיי מֶער אוּן מֶער רִשְׁעוּת.

דָאס אִיז אַלֶעס בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה, מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן - עֶפְנְט זִיךְ אַ נֵייעֶ וֶועלְט, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי טוּנְקֶלְקֵייטְן, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען דֶעם אֱמֶת, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען זוּכְט נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת, מֶען זוּכְט נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, קַיין פְּרִישׁוּת, מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט שֶׁעפְּן חַיּוֹת פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן חַיּוֹת פוּן זַיין אַ אִיד, פוּן טוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

ווּאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר גֶעבְּט דָאס אִיבֶּער וַוייטֶער פַאר אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁטָא קַיין הֶעכֶערֶע, נֶענְטֶערֶע, חָשׁוּבְ'עֶרֶע; אַלְץ אִיז דִמְיוֹנוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן וִוי שֵׁיין אַייעֶר לֶעבְּן אִיז מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ וויל פַארְעֶכְטְן אֵיין וָוארְט פוּן אַייעֶר בְּרִיווּ; וָואס מֵיינְט אִיר מִיט דִי וֶוערְטֶער: "הֶעכֶערֶע אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", פַארְוָואס זָאלְט אִיר מֵיינֶען אַז עֶס זֶענֶען דָא הֶעכֶערֶע פוּן אַייךְ? נִישְׁטָא קַיין הֶעכֶערֶע, נֶענְטֶערֶע, חָשׁוּבֶ'עֶרֶע; אַלְץ אִיז דִמְיוֹנוֹת, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ פְּלַאץ וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זַיין דִי נֶענְסְטֶע, דִי הֶעכְסְטֶע אוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע. וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וֶוער עֶס פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת דֶער אִיז חָשׁוּב, נָאנְט אוּן הוֹיךְ.

קֶען מֶען דֶען וויסְן וֶוער אִיז הֶעכֶער? נֶענְטֶער? חָשׁוּבֶ'עֶר? אִיךְ זֶע אַסַאךְ זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם, בִּפְרַט פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען שׁוֹין דָא יָארְן כְּאִילוּ זֵיי זֶענֶען חָשׁוּב, נָאנְט אוּן הוֹיךְ. עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן ווִי לַאנְג מֶען אִיז שׁוֹין דָא, עֶס קֶען זַיין אַ פְרִישֶׁער מְקוּרָב וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן דֶער אִיז מֶער ווִי אַלְטֶע וְכוּ'.

אַז עֶס פַאלְט אַייךְ בַּיי אַ שִׁידוּךְ זָאלְט אִיר דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אַייעֶר מַאן; אַייעֶר מַאן אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, עֶר ווֵייסְט וָואס הֵייסְט אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אוּן וֶוער אִיז סְתָּם אִין דִי בִּיכֶער פַארְעֶכְנְט אַלְץ אַ תַּלְמִיד וְכוּ'.

גֶעט אִיבֶּער פַאר ... תְּחִיֶ' אַז אִיךְ וֶועל אִיר אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִין יְשִׁיבָה קֶען מֶען מַאכְן שִׂמְחוֹת נָאר אוֹיפְ'ן פָּשׁוּטְ'סְטְן אוֹפָן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, מִיר אִיז נִישְׁט גְרִינְג מֶען זָאל מַאכְן שִׂמְחוֹת אִין יְשִׁיבָה, מִיר וָואלְט אַסַאךְ גְרִינְגֶער גֶעוֶוען וֶוען מֶען מַאכְט שִׂמְחוֹת עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ; דָאס אָנְגְרֵייטְן, דָאס אָוֶועקְרוּימֶען - לִיגְט אוֹיף מִיר אַלֵיינְס, דִי אַחְרָיוּת עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי חֵדֶר אוּן דִי סְקוּל - לִיגְט אוֹיף מִיר אוּן דָאס צוּשְׁטֶעלְן דִי סְעוּדָה לִיגְט אוֹיךְ אוֹיף מִיר. מִיר אִיז אַסַאךְ גְרִינְגֶער מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין שִׂמְחוֹת אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן נָאר כְּדַאי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן אָן חוֹבוֹת, אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קֶענֶען גֵיין צוּ זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן הֲנָאָה הָאבְּן פוּן זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת.

מֶען קֶען מַאכְן שִׂמְחוֹת אִין יְשִׁיבָה; חֲתוּנוֹת, שֶׁבַע בְּרָכוֹת, בַּר מִצְוָה, קִידּוּשׁ, שָׁלוֹם זָכוֹר וְכַדּוֹמֶה - נָאר בִּתְנַאי אַז מֶען מַאכְט עֶס פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפַּשְׁטוּת.

דֶערְפַאר, אוֹיב דוּ ווִילְסְט בַּר מִצְוָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה דַארְף דָאס זַיין זֵייעֶר פָּשׁוּט (וָואס מֶענְטְשְׁן רוּפְן נֶעבֶּעכְדִיג), אַז דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה דַארְף דָאס זַיין זֵייעֶר פָּשׁוּט; קֶענְסְט רוּפְן צוּ דִי סְעוּדָה דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דַיין וַוייבְ׳ס עֶלְטֶערְן, דַיינֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער, דַיין וַוייבְ׳ס גֶעשְׁוִוסְטֶער אוּן דַיינֶע קִינְדֶער. אַז דוּ ווִילְסְט בַּר מִצְוָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, קֶענְסְט רוּפְן צוּ דִי סְעוּדָה דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דַיין וַוייבְ׳ס עֶלְטֶערְן, דַיינֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער, דַיין וַוייבְ׳ס גֶעשְׁוִוסְטֶער אוּן דַיינֶע קִינְדֶער; אַז דוּ הָאסְט חֲבֵרִים, אַז דַיין וַוייב הָאט חַבֶרְ׳טֶעס - קֶענֶען זֵיי קוּמֶען ווִאוּנְטְשְׁן מַזָּל טוֹב, מִיר שְׁטֶעלְן נִישְׁט צוּ קַיין סְעוּדָה פַאר חֲבֵרִים אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן דַיינֶע שִׂמְחוֹת אִין יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיב דוּ ווִילְסְט מַאכְן מֶער ווִי פָּשׁוּט אַז דוּ וֶועסְט עֶס מַאכְן אִין אַ זַאל; אִיךְ בֶּעט דִיר, פְרֶעג מִיר נִישְׁט יֶעדֶע פָאר מִינוּט אוֹיב מֶען קֶען מַאכְן אַזוֹי, אוֹיב מֶען קֶען מַאכְן אַזֵי; אוֹיב מֶען ווִיל מַאכְן אִין יְשִׁיבָה דַארְף עֶס זַיין מִיט אַ אִידִישְׁן טַעַם, פָּשׁוּט אוּן אֵיידֶל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי הַפָּצָה נָאר וואוּ מֶען לָאזְט דִיר גֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז דַיין פְרַאגֶע? שׁוֹין זָאלְסְטוּ אַרִיבֶּער גֵיין צוּ דִי הַנְהָלָה אוּן זֵיי אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, א) אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט לֵייגְן קַיין גִּלְיוֹנוֹת אִין זֵייעֶר שׁוּל אוּן ב) דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט רֶעדְן פוּן בְּרֶסְלֶב אִין סְקוּל; הָאב נִישְׁט מוֹרָא, שְׁרַייב זֵיי אוּנְטֶער דִי צְוֵויי זַאכְן, דַיין טָאכְטֶער זָאל הָאבְן אַ סְקוּל וואוּ צוּ לֶערְנֶען.

בִּכְלַל פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט, פַארְוָואס גֵייסְטוּ קֶעגְן מַיין ווִילְן? אִיךְ הָאב דִיר

שׁוֹין גֶעזָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים דוּ זָאלְסְט נִישְׁט לֵייגְן קַיין גִּלְיוֹנוֹת אִין שׁוּלְ'ן וואו מֶען לָאזְט דִיר נִישְׁט לֵייגְן, וָואס זוּכְסְטוּ זִיךְ צָרוֹת? בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט דִיר גֶעשְׁלָאגְן בִּיז בְּלוּט, וָואס פֶּעלְט דִיר דָאס אוֹיס? אוּנְזֶער וֶועג אִיז נִישְׁט בִּכְפִיָּה, מִיר צְוִוינְגֶען קֵיינֶעם נִישְׁט; אַז דִי גַבָּאִים לָאזְן דִיר נִישְׁט בְּרֶענְגֶען דִי גִּלְיוֹנוֹת – פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ רֵייצְן מִיט זֵיי? וָואס מֵיינְסְטוּ, זֵיי וֶועלְן אַרַיין נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער?

אַז דוּ ווילְסְט פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק זָאלְסְטוּ גֵיין נָאר וואו מֶען לָאזְט דִיר גֵיין, דִי אַלֶע וָואס וַוארְפְן דִיר אַוֶועק וֶועלְן זִיךְ נָאךְ קוּמֶען בֶּעטְן בַּיי דִיר, וָואס דַארְפְסְטוּ גֵיין צוּ מִתְנַגְּדִים?

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט גֵיין צוּ דִי גַבָּאִים אוּן זֵיי אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט מֶער נִישְׁט קַיין גִּלְיוֹנוֹת בַּיי זֵיי אִין שׁוּל אוּן דוּ זָאלְסְט טַאקֶע מֶער נִישְׁט לֵייגְן דָארְט קַיין גִּלְיוֹנוֹת, אוּן אַז דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט רֶעדְן אִין סְקוּל פוּן בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אַז מֶען הָאט אָנְגֶענוּמֶען דַיינֶע קִינְדֶער.

...